איך דען דערלויבט צו שמייסן אַ מענטשן, וואָס איז אַ
רוימישער בירגער און וועלכער איז נישט פאַרמשפּט?
26 און ווי דער אָפיציר האָט דאָס געהערט, איז ער
צוגעגאַנגען צום הויפּטמאַן און אים דערציילט, אַזוי צו
זאָגן: וואָס גייסטו טון? דער דאָזיקער מענטש איז דאָך
27 אַ רוימער! און דער הויפּטמאַן איז צוגעקומען און
געזאָגט צו אים: זאָג מיר, דו ביסט (טאַקע) אַ רוימער?
28 האָט ער געזאָגט: יאָ. האָט דער הויפּטמאַן געענט־
פערט: פאַר אַ גרויסן פּרייז האָב איך מיר דערוואָרבן
די דאָזיקע בירגערשאַפט. און פּוילוס האָט געזאָגט:
איך אָבער בין געבוירן געוואָרן (אַ רוימער).
29 און די, וואָס האָבן אים געזאָלט אויספאָרשן,
זענען דעריבער גלייך אַוועקגעגאַנגען פון אים;
און דער הויפּטמאַן האָט זיך געפאָרכטן, דערוויסנדיק
זיך, אַז ער איז אַ רוימער, און אַז ער האָט אים
געלאָזט בינדן.
30 צומאָרגנס אָבער, וועלנדיק זיך דערוויסן אויף
זיכער, וועגן וואָס ער איז באַשולדיקט געוואָרן
פון די יידן, האָט ער אים באַפרייט פון די קייטן,
און באַפוילן, אַז די הויפּט־כהנים זאָלן זיך
צוזאַמענקומען און דאָס גאַנצע סנהדרין; און האָט
אַראָפּגעפירט פּוילוסן, און אים אַוועקגעשטעלט
פאַר זיי.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

1 און פּוילוס האָט זיך איינגעקוקט אויפן סנהדרין,
און געזאָגט: ברידער, איך האָב געוואַנדלט פאַר
ג־ט מיט אַ גאַנץ און גוט געוויסן ביז צום היינטיקן
2 טאָג. אָבער דער כהן גדול חנניה האָט באַפוילן די,
וואָס זענען דאָרט ביי אים געשטאַנען, אים צו שלאָגן
3 אויפן מויל. האָט פּוילוס דעמאָלט צו אים געזאָגט: